## נעמען

דוד האָפשטיין

זוי קליינע וועלפּעלעך זיך שפּילן מײַנע קינדער,
ווי קליינע וועלפּעלעך נאָך ביידע:
דער עלטסטער שמאי הייסט —
אַזוי געהייסן האָט מײַן זיידע,
אין טויבן שטעטעלע אַ זקן האַלב אַ בלינדער,
און הלל הייסט דער צווייטער...

אַן אַנדער נאָמען האָט געוואָרט
אויף שטאַפּל נאָענטן פון שאָטנדיקן לייטער,
נאָר איך פון מיט פון וועלט פון ברייטער,
פון זודיקן געווימל
האָב פּלוצעם דאָרט דערזען,
ווי ס'שוועבט דער הויך פון צאַרטע יאָרן מײַנע
דאָרט איבער אַלטן נעסטן־שימל —
און שמאי איינער הייסט,
און הלל הייסט דער צווייטער...

ווי קליינע וועלפּעלעך זיך שפּילן מײַנע קינדער,
ווי קליינע וועלפּעלעך נאָך ביידע,
און דראַפּען איינס דאָס צווייטע
פון בייזן קוק מיט פײַערלעך מיט ווילדע.
און איך — איך קוק מיט בליקן אײַנגעשטילטע
פון האַרץ פון בלינדן,
ווי אַלטע נעמען קײַקלען זיך,
ווי קליינע וועלפּעלעך, ווי קנוילן יונגע גליקן...

איבערגעדרוקט פון דער אַנטאָלאָגיע
**אַ שפּיגל אויף אַ שטיין**

<u>**צום פינפטן יאָרצײַט פון ה. לייוויק**</u>

# חורבן־געשטאַלטן בײַ ה. לייוויק *

דוד־הירש ראָסקעס / בראַנדײַס־אוניווערסיטעט

### די ערשטע חורבן־דראַמע

גלײַך בײַם אָנהייב פון זײַן שרײַבערישער קאַריערע האָט ה. לייוויק געוווּנען פאַר זיך דעם צונאָמען: דער דיכטער פון אומקום. די קריטיקער וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין לייוויקס ווערק, בפרט אין דער גולם, האָבן געפונען אויך אַ קעגנזועצלעכן שטראָם בײַ לייוויקן: דער דראַנג נאָך גאולה. די אַ דיאַלעקטיק פון אומקום און אויפקום, פון פּײַן און אויסלייזונג געפינט זיך אין אַלע זײַנע דראַמאַטישע פּאָעמעס און ווערט וואָס אַ מאָל שאַרפער מיטן אָנקום פון היטלערן.

* די אַרבעט האָט געוווּנען די פּרעמיע פאַרן בעסטן עסיי אויף אַ טעמע וועגן יידישער ליטעראַטור, צוגעטיילט אין בראַנדײַס־אוניווערסיטעט דורכן באָסטאָנער יידישן קולטור־קלוב. מיר דרוקן דאָ איין קאַפּיטל פון דער אַרבעט. — רעד׳.

חורבן איז ניט געווען קיין נייע טעמע פארן דיכטער. דער סיפור־המעשה פון ערשטן ליטערארישן פרווו די קייטן פון משיח (1908) וויקלט זיך פונאנדער עטלעכע נעכט נאכן חורבן בית שני. דא געפינען מיר שוין די געשטאלטן וואס וועלן שפילן אזא וויכטיקע ראלע אין לייוויקס שפעטערדיקע ווערק, למשל, דא געפינט זיך דער מלאך עזריאל, דער מאנער פון גערעכטיקייט וואס קען ניט פארטראגן זיינע הימלישע קאלעגן, די צדיקים אין פעלץ, וואס האבן ליב נאר זיך. דער עזריאל וועט מגולגל ווערן אין פארשיידענע געשטאלטן; פאר לייוויקן בלייבט ער דער סימבאל פון אייביקן משיח־זוכער.

נאך צוויי געשטאלטן פירט לייוויק אריין אין דער דאזיקער דראמע וואס דינט ווי א הקדמה פאר די וויטערדיקע ווערק: אליהו הנביא, דער באגלייטער פונעם גואל, און משיח צדקנו, פארשקלאפט אין קייטן, ווארטנדיק אז דאס פאלק ישראל זאל אים קומען באפרייען. מיט די צוויי געשטאלטן וועלן פארקומען די סאמע דראמאטישסטע איבעראנדערשונגען.

לייוויקס ווערק שאפן איין פאעטישע גאנצקייט. איין דראמע איז דער אידעישער המשך פון דער פריערדיקער. לאמיר דעריבער איבערהיפערן אכט און דרייסיק יאר, און א קוק טאן אויף איינעם פון די לעצטע קאפיטלען פונעם ספר־לייוויק.

## די חתונה אין פערנוואלד

אין 1946 האט לייוויק באזוכט די די־פי־לאגערן אין דייטשלאנד. אין דער דראמע מהר״ם פון רוטענבערג (1945) האט אונדז לייוויק שוין געהאט אויסגעמאלן א בילד פונעם לעבן אין דאכאו. אבער דאכאו איז געווען פאר אים ניט מער ווי אן אבסטראקציע, א סימבאל פון לײדן און אונטערדריקונג. איצט איז דער סימבאל געווארן וואר, אזוינס וואס דאס ווארט קען ניט באשרייבן. ער האט געזען אין דער געפאלנקייט פון זיין פאלק די סכנה פון פולער ירידה און אומקום. די חתונה אין פערנוואלד איז דאס ווערק פון טרייסט פארן יידישן פאלק.

לייוויק האט באשריבן זיינע איינדרוקן פון דער רייזע אין א פראזעווערק מיט דער שארית הפליטה. די אידעע פאר דער פיעסע איז געקומען טאקע פון זיין באזוך אין פערנוואלדער לאגער, און א סך מאל זיינען די באשרייבונגען טאקע אמתע (זעט 5, ז״ז 215—216).*

ווען לייוויק איז צוגעטראטן צו דער דראמע, האט ער געמוזט באשליסן אין וועלכן זשאנער ער וועט זי שרייבן. האט ער אויסגעקליבן א מיטנוועג, וואס איז האלב רעאליזם, האלב מיטאס; האלב פראזע, האלב פאעזיע (כאטש די סאמע פאנטאסטישסטע שטעלעס זיינען אין פראזע). דאס איז ניט סתם מיטאס, נאר מאדערנער מיטאס וואס פאסט זיך אזוי גוט פאר אפאקאליפטישע צייטן. אונדזער עפאכע פאדערט אנדערע קונסטפארמען. זי פאדערט געשטאלטן און סימבאלן פון אויסערגעוויינטלעכע און איבעררעאליסטישע דימענסיעס (9, ז׳ 478). דורך מיטאס קען לייוויק: 1) אריבערגיין די גרענעצן פון צייט און ארט. 2) דורכברעכן די מחיצה צווישן לעבן און טויט און 3) דערהייבן גאנץ קאנקרעטע צייט־ און ארט־געשעענישן ביז צו דער מדרגה פון איבערצייטלעכע פענאמענען (9, ז׳ 479). ער קען פארוואנדלען א טראגיזם, וואס זעט אויס צו זיין יידיש־נאציאנאל, אין אן אוניווערסאלן טראגיזם. אט די מיטאס־פארעם דערגרייכט איר גרעסטע קינסטלערישע הייך אין אין די טעג פון איוב.

דא דארף מען צוגעבן א וויכטיקע קריטישע באמערקונג. ווי באלד לייוויק האט אויסגעקליבן א מיטישן זשאנער, קען ער זיך דערלויבן געוויסע פרייהייטן (וואס מיר האבן פריער אויסגערעכנט). דאס זעלבע איז אויך שייך אנסקין, ווען ער האט געשטעלט זיינע העלדן אין א מקובלים־וועלט. האט ער געקענט ניצן פאלקלאריסטישע און איבערנאטירלעכע מאטיוון אן אויסצוזען לעכערלעך. דאס מיינט אבער ניט, אז דער קריטיקער דארף ווערטערלעך אויסטייטשן דעם מיטאס אדער דאס איבערנאטירלעכע. דאס וואלט אים גלייך באגרענעצט צו אויבנאויפיקע המצאות. דער קריטיקער איז בארעכטיקט צו אנאליזירן דאס ווערק ניט נאר פון א מיטישפאלקלאריסטישן שטאנדפונקט, נאר פון א מאדערנעם ליטערארישן שטאנדפונקט אויך. אזוי ווי מיר באהאנדלען יעדער ווערק ווי א חורבן־דראמע, איז פארשטענדלעך, אז מיר זאלן זיך באמיען גיין אויפן צווייטן דרך.

די עלעמענטן וואס מיר האבן שוין אנגעמערקט אין מהר״ם פון רוטענבערג, ווי למשל דאס שולדגעפיל, דער געראנגל צווישן לעבן און טויט און דער דראנג נאך גאולה וועלן בולטער ארויסגעברענגט ווערן אין דער צווייטער דראמע. בפרט וועט אונדז זיין אינטערעסאנט צו אנאליזירן די שינויים אין די גאולה־געשטאלטן, די וואס מיר האבן געטראפן אין די קייטן פון משיח און אין דער גולם.

די דראמע הייבט זיך אן מיט די ווערטער פונעם כראניקער, אליין „קוים אן איינציק־פארבליבענער, א בלאט פון א בוים פון אן איבערגעבראכענעם" (6, ז׳ 8). מע קען אין אים זען די פארביטערטקייט און דעם יאוש פון דער גאנצער שארית־הפליטה. די צוקונפט איז פאר אים „א פארשטעלטע חיה וואס זויגט ארויס דאס בלוט פון דער פארגאנגענהייט" (6, ז׳ 11). אבער דאך, אין זיין גאנצער מרה־שחורה בעט ער ביי גאט כוח צו לייטערן זיך דורך זיינע

* אלע ביבליאגראפישע אנווייזונגען צום סוף פון די ציטאטן פארופן זיך אויף איינסן פון דער ביבליאגראפיע צום סוף פון דער ארבעט. למשל, נומער 5 מיינט די פינפטע פאזיציע פון דער ביבליאגראפיע.



יסורים, און ניט מוזן „גריבלען זיך אין חושך פֿונעם רשעס טומאה". ער דאַרף זיך „אָפּטובֿלען אין נעכטנס תהום" כּדי צו ווערן ראוי פֿאַרן מאָרגן. לויט לייוויקס שטייגער, האָט ער אין די דאָזיקע ערשטע מאָנאָלאָגן אונדז אַרײַנגעפֿירט אין דער הויפּט־פּראָבלעמאַטיק: דער געראַנגל צווישן לעבן און טויט, יאוש און האָפֿענונג און דאָס לײַטערן זיך דורך די אייגענע יסורים.

## חורבן־געשטאַלטן

די דראַמע איז געבויט אַרום צוויי מענטשן, אַבֿרהם און שׂרה די צווייטע. ער איז אַן אַלמן, זי אַן אַלמנה. ביידע זײַנען זיי געפּײַניקט פֿון זייער שולדגעפֿיל, ספּעציעל אַבֿרהם וואָס האָט געזען ווי מע פֿירט צום טויט זײַן ווײַב (אויך געהייסן שׂרה) און קינד (יצחק). שׂרה די צווייטע קען ניט זיצן שטיל ווען זי געפֿינט זיך לעבן אַ וואַלד, ווײַל איר מאַן איז ערגעץ אין אַ וואַלד אומגעקומען און זי הערט כּסדר זײַן רוף: „קום זוך מיך, געפֿין מיך" (6, ז' 62).

דאָס יאָר איז 1944. מיר זעען אַבֿרהמען בײַ זיך אין דער היים. ער און זײַן ווײַב גרייטן זיך צו פּראַווען אַ סדר. דעם דרײַ־יאָריקן זון האָט מען קוים גע־ראַטעוועט פֿון טויט און יעדע מינוט קענען די דײַטשן ווידער קומען. אָבער אַבֿרהם זאָרגט זיך ניט. ער איז אַ פֿרומער, גלייביקער ייִד און ער איז זיכער, אַז דער אייבערשטער וועט אים אויסהיטן פֿון אומגליק. ער טענהט צו שׂרהן: „ווי קענען מיר ווּעמען אויסהיטן? ווי קענען מיר? צי ווענדט זיך עס אָן אונדז?" (6, ז' 21) זײַן עצה איז בלויז צו זײַן גרייט און ניט מער. דערווײַל דאַרף מען דעם סדר פּראַווען, כּמנהגו. ער מוטיקט זײַן ווײַב צו האָבן בטחון. פּלוצלינג רײַסן זיך אַרײַן די שטורעם־טרופּערס וואָס פֿירן זײַן ווײַב און קינד צו דער גאַזקאַמער. ער אַליין גייט אויף שקלאַפֿן־אַרבעט אין דאַכאַו.

דאָס יאָר איז איצט 1946, און אַבֿרהם קערט זיך אום אַהיים. ער קען זיך ניט מוחל זײַן זײַן פּאַסיווקייט. ער פֿילט זיך ספּעציעל שולדיק לגבי דעם זון. ווען ער וואָלט כאָטש געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען — אָבער ער איז ניט געגאַנגען. לייוויק שילדערט סימבאָליש ווי אַבֿרהם האָט אַ וויכּוח מיט גאָט. דער אייבערשטער זאָגט אים:

רירסט אָן מיט די פֿינגער דײַן פּנים —
דערקסטו אויף דײַן נאַקעטן אָרעם,
און כ'זע דײַן קאַצעט־נומער אויסגעברענט אויף אים:
פֿינף טויזנט זיבן הונדערט און פֿיר,
דער ריכטיקער מספּר לבריאת העולם.
אַ וויי מיר —
פֿון בריאת העולם — צו חורבן העולם,
פֿון קדושה־ספֿירה — צו היטלער־ציפֿער,
אַ וויי מיר, אַ וויי מיר.
און דיך האָב איך געמאַכט פֿאַר אַ שומר,
און כ'זוך דיך — און דו ביסט ניטאָ.
(6, ז' 45)

קומט אויס ווי אַבֿרהם וואָלט געווען שולדיק אין דעם אַלעמען. גאָט אַליין איז אויף אים אין כּעס. פּלוצלינג — אַ גײַסטיקער איבערבראָך. פֿון דער טיפֿעניש פֿון זײַן האַרצן רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי: „ניט איך בין דער פּחדן, נאָר דו! איך זאָג עס דיר אָפֿן, רבונו דעלמא!" (6, ז' 49) נאָר ווי באַלד עס שיסט אויס דער גאַנצער צער, פֿילט ער ערשט ווי עלנט און אומגליקלעך ער איז:

אַן אָרעמער ייִד בין איך, גאָט מײַן האַר,
און מיד בין איך, גאָט מײַן האַר,
און ס'ברענט אויף מײַן לײַב נאָך דער יודע־נומער,
און כ'קען ניט פֿאַרטראָגן מײַן עלנט.
אָט דאָ אינעם גײ־צלמות, איך קען ניט.
כ'מוז עמעצן האָבן צו זיך — אַ לעבעדיק נפֿש,
צו וואַכן איבער דעם און צו ליב האָבן עס.
אַפֿילו ווען שוואַך מײַן האַנט און געבראָכן
אַנטקעגן די ציין פֿון אַ הונט, צי אַ וואָלף.
באַדאַרפֿט וואָלט איך אַנטאָן זיך אַ מיתה —
אויך דאָס אָבער קען איך ניט. העלף מיר.
(6, ז' 50)

צו שוואַך צו נעמען זיך דאָס לעבן און צו שוואַך צו לעבן איינער אַליין. ער מוז וואַכן איבער עמעצן, דער עמעצער זאָל פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון זײַן פֿאַרשניטענער משפּחה. ער קען ניט פֿאַרלייקענען דעם אינעווייניקסטן דראַנג צום לעבן. ער גיט זיך אונטער דעם לעבן; ער איז פֿאַרמישפּט צו לעבן.

אַבֿרהם און שׂרה די צווייטע באַשליסן חתונה צו האָבן. די ערשטע חתונה אין פֿערנוואַלד. די ערשטע חתונה פֿון דער שארית־הפליטה. בײַ אַזאַ פֿאַרפֿאַלק, וואָס לעבט מיט איין פֿוס אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, קען עס ניט גיין גלאַטיק. די טויטע האָבן אַ געוואַלדיקע שליטה איבער זיי, און פֿאַר אַבֿרהמען איז די חתונה אַ פֿאַרראַט פֿון זײַן אומגעקומענער פֿרוי. די חתונה מוז אָבער פֿאַרקומען, ווײַל דערמיט וועלן די פּליטים קענען אָנהייבן פֿון דאָס נײַ. אויף דער חתונה וועלן קומען סײַ די קאַצעטניקעס פֿון דער אַרומיקער געגנט, סײַ די טויטע, אויפֿגעשטאַנענע פֿונעם מאַסן־קבֿר, צווישן זיי שׂרה און יצחק, די פֿאַרקערפּערונגען פֿון אַבֿרהמס שולדגעפֿיל. אַזאַ קאָמבינאַציע שאַפֿט אַ פֿאַנטאַסטישע אַטמאָספֿער וואָס איז שיִער ניט גראָטעסק. די סצענע איז פֿון די סאַמע שטאַרקסטע אין לייוויקס שאַפֿונג. אָבער איידער מיר קומען צו צו דעם, מוזן מיר זיך באַקענען מיט עטלעכע חתונה־געסט.

אליהו הנבֿיא גייט אין וועג און צופֿעליק שטויסט ער זיך אָן אין אַ בר־מינן אויף דער ערד. פֿונעם



צדיקס אַגריר ווערט דער גוף לעבעדיק, וואָרעם ניט קיין מת איז ער, נאָר אַ הרוג. די דײַטשן האָבן אים דערשלאָגן מיט אַ קנוט, אָבער דער טויט איז אַליין נאָך ניט אַרײַן אין אים, און ער אין טויט איז אויך נאָך ניט אַרײַן. מענטשן האָבן געטראָטן און געשפּיגן אויף אים. זיי האָבן אים אַוועקגעוואָרפֿן צווישן שטיינער און דאָרן־קוסטעס, און ער האָט זיך געלאָזט וואַרפֿן און איז געלעגן נאַקעט און אָפּ־געדעקט. איצט שטייט ער אויף, קעגן די פּראָ־טעסטן פֿון אליהון (די סצענע דערמאָנט אונדז שטאַרק אינעם ערשטן אַקט פֿון דער גולם). ער קען זיך ניט דערמאָנען ווי ער הייסט און פֿון וואַנעט ער קומט, אָבער, אַז מע פֿרעגט אים, האָט ער אַ פֿאַרטיקן ענטפֿער:

אַבֿרהם: ווער זײַט איר?
דער אומבאַקאַנטער ייִד: דער רבונו של עולם.
אַבֿרהם: פֿון וואַנען קומט איר?
דער אומבאַקאַנטער ייִד: פֿון גן־עדן.

אַ העלפֿט פֿון פּנים איז צעממיתט, און מיט דער צווייטער העלפֿט חוזקט ער פֿון דער וועלט בכלל און פֿון אַבֿרהמען בפֿרט:

דו זיצסט זיך ווידער אויף דײַן גאַניקל
און — גאַרנישט?
— — — — —
קוקן ווידער דורך אַ שײַבעלע,
אפֿשר ווידער נעמען זיך אַ ווײַבעלע,
זי זאָל ווידער קאָכן דיר אַ הונעלע,
און זאָל נאָך אַ מאָל געבוירן דיר אַ זונעלע.
(6, ז' 43)

דער אומבאַקאַנטער ייִד וויל מתקן זײַן זײַן קבֿורה — ליגן אין דער ערד, ניט אויף דער ערד. ער זוכט זײַן טויט, בשעת די לעבעדיקע זוכן מתקן זײַן דאָס לעבן. לייוויק ניצט אויס אָט דעם דראַ־מאַטישן קאָנטראַסט אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן. מע האַלט שוין פֿאַר דער חתונה, שרײַט אויס דער אומ־באַקאַנטער ייִד, בלשון הדיבוק: „עס וועט ניט זײַן קיין חופּה!" אין זײַן געשריי איז ער טאַקע פּונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי דער דיבוק, און אַפֿילו נאָך מער, ווײַל שרה די צווייטע איז זײַן געוועזענע ווײַב! די השפּעות פֿון אַנסקיס מײַסטערווערק זײַנען בנמצא אויך אין דער גאַנצער חתונה־סצענע, וואָס דערמאָנט אונדז גלײַך אין דער הבימה־אויפֿפֿירונג און נאָך מער אין דעם פֿילם „דער דיבוק".

לייוויק ניצט אויס די איבערנאַטירלעכקייט פֿון דער סצענע צו פֿאַרשטאַרקן דעם דראַמאַטישן עפֿעקט. דער לייענער ווייסט למשל פֿאַר וואָס ישראל (דער אומבאַקאַנטער ייִד) פֿילט זיך צוגע־צויגן צו שרהן די צווייטע, ווײַל ער אַליין גיט פֿאַרשיידענע רמזים וועגן זײַן אמתער אידענטי־טעט. כאָטש שרה פֿאַרשטייט ניט וואָס ער איז אויסן, האָט זי אינסטינקטיוו פֿאַר אים מורא, אַז ער קען צעשטערן איר חתונה, איר גליק. זי פּרוּווט אַנטלויפֿן, אָבער ישראל רופֿט אויס: „אַנטלויפֿט ניט". איך אַנטלויף. גאָט אַנטלויפֿט". (6, ז' 131).

סוף־כל־סוף געפֿינט ער זײַן קבֿר, אין פֿערנוואַל־דער לאַגער. ער זעט, אַז ער קען ניט אָפּשטעלן דעם גאַנג פֿון לעבן, ווי עקלדיק עס זאָל פֿאַר אים ניט זײַן. ער איז מקנא די לעבעדיקע; פֿון דעסט וועגן איז ער גענוג שטאַרק צו מאַכן שלום מיט זיך, און ער געזעגנט זיך מיט דער וועלט אין אַ ממש לירי־שער רעדע:

אין טאָג האָב איך געזוכט דעם שלאָף פֿון נאַכט.
אין נאַכט — די וואַכקייט פֿון טאָג.
אַזוי ווי איך, האָט דער פֿרימאָרגן נאָר איין אויג
און נאָר איין צאַפּלדיקע זײַט פֿון פּנים;
וועל איך איצט גיין און ברענגען אים אויך מײַן אויג —
וועט ער שוין האָבן צוויי, ווי גאָט אַליין.
ווי גאָט ברוך הוא אַליין. — — —
צי דאַרף איך עפּעס נאָך אויף אָט דער ערד?
(6, ז' 166)

דער היפּוך פֿון ישראל איז דער קעמפּערישער יעקבֿ. אַלץ וואָס ער זאָגט, רעדט ער צום גראַם. זײַן פֿילאָסאָפֿיע איז אַ באַיאָונג פֿון לעבן, מיט גרויס ביטערניש באַשרײַבט ער דעם גורל פֿון דער שארית־הפּליטה:

דער וועג פֿון אַ קאַצעטניק
איז אויסגעבעט מיט נס,
ער שפּרייט אויס זײַנע אָרעמס
און — נעמט אַרום אַ מת.
(6, ז' 63)

יעקבֿ איז אַ קעמפֿער. לייוויק שטעלט אַרײַן אין זײַן מויל פּראָפּאַגאַנדיסטישע ווערטער הלמאַי די גרויסמאַכטן רוסלאַנד, אַמעריקע און ענגלאַנד העלפֿן ניט די ייִדן פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד. מער ווי אַלע אַנדערע געשטאַלטן איז יעקבֿ באַוווּסטזיניק וועגן דער וויכטיקייט פֿון דער חתונה. ער האַלט, אַז „פֿראַווען אַן ערשטע חתונה נאָך דעם גאַנצן חורבן אונדזערן, איז אַזוי וויכטיק ווי גיין קיין ארץ־ישראל" (6, ז' 81). קודם־כל דאַרף מען אויפֿבויען צוריק דאָס פֿאָלק, „אַז ישראל זאָל צוריק זיך נעמען פּרוכפּערן, ווי עס שטייט געשריבן: כחול הים" (6, ז' 119). יעקבֿ האָט אַן אָפֿן ייִדיש האַרץ. אויב ער איז אַ מאָל פֿאַרביטערט, איז נאָר דערפֿאַר וואָס ער לײַדט די ליידן פֿון זײַן פֿאָלק. די חתונה דער־פֿרייט אים זייער; ער פֿילט ווי דער גאַנצער לאַגער וואָלט זײַן דער מחותן. ער אַליין גרייט זיך צו זײַן דער בדחן.

## די משיח־געשטאַלט

איצט קומען מיר צו צו דער סאַמע וויכטיקסטער געשטאַלט אין דער דראַמע, אפֿשר די וויכטיקסטע

געשטאַלט פֿון אַלע לייוויק־דראַמעס — משיח. דאָ הייסט ער דער „יונגער פּליט“, פּונקט ווי אין דער גולם האָט ער געהייסן דער „יונגער בעטלער“. די משיח־געשטאַלט באַווײַזט זיך ניט פֿאַקטיש ביז דער צווייטער העלפֿט פֿון דער דראַמע, אָבער מיר וואַרטן זײַן אָנקומען מיט אומגעדולד. אליהו, זײַן באַגלייטער נאָך פֿון די קייטן פֿון משיח זוכט אים אַרום אומעטום.

אליהו האָט זיך ניט געביטן קיין סך: געבליבן דער זעלבער שטילער און געלאַסענער ווי אַ מאָל. אַ צוגאָב צו זײַן כאַראַקטער איז דער אוניווערסאַלער שולדגעפֿיל פֿון די לעבן־געבליבענע. ער בעט די קאַצעטניקעס זיי זאָלן מוחל זײַן דעם אַלטן קאָפּ וואָס איז ניט פֿאַרברענט בשעת קליינינקע ייִדישע קינדער זײַנען יאָ פֿאַרברענט געוואָרן. ער פּריידיקט נאָך אַלץ דעם געדאַנק פֿון סבֿלנות. „אַ ייִד דאַרף האָבן דרײַ מאָל כּוח“, זאָגט ער, „כּוח צו שטאַרבן, און כּוח צו לעבן און — כּוח צו וואַרטן“ (6, ז׳ 75). עפּעס שטערט אָבער זײַן אייגענע רו. ער אַליין איז אומגעדולדיק צו געפֿינען משיחן. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען ווי משיח איז געגאַנגען אין גאַזקאַמער. איצט מוז ער אים אויפֿזוכן אינעם אַש פֿון די מאַסן־קבֿרים.

ווער איז די משיח־געשטאַלט? מיר קענען געפֿינען אַ טיילווײַזע תּשובֿה בײַם דיכטער אַליין: „פֿון אַן אַבסטראַקטער פֿאַרשטעלונג וועגן גאולה און גואל איז אין משך פֿון דורות אויפֿגעקומען אַ קאָנקרעטע געשטאַלט. פֿון אַן אידעע איז געוואָרן געשטאַלטיקונג... אַ געשטאַלט, וואָס איז אין יעדן דור נאָך ניט פֿאַרטיק און נאָך ניט ראוי ער זאָל קומען“ (8, ז׳ 77). דער חורבן־משיח קען אָבער ניט זײַן דער זעלבער ווי אין די פֿריִערדיקע משיח־דראַמעס. אין דער גולם האָט משיח געטענהט:

העלפֿן קען איך ניט דעם קרבן,
אויך ניט — גיין מיט אים צום טויט;
אָט דער קרבן איז געשטאָרבן,
און דער שטערפֿלאַם פֿאַרגייט...

(3, ז׳ 92)

דער משיח פֿון חורבן גייט שוין יאָ צום טויט, מיט זײַן אייגענעם רצון.

איך גיי מיט די ייִדן אַהין, וווּהין זיי אַלע גייען.
מײַן אָרט איצט איז צווישן זיי, מיט זיי און ניט אָן דער זײַט פֿון זיי... קיין זאַך דאַרף איך הײַנט מער ניט אויפֿטאָן, ווי נאָר אויספֿירן דעם רצון פֿון אהבֿה צו עם ישׂראל, וואָס גייט צום גאַזקאַמער.
(6, ז״ז 89—90)

זײַן שליחות איז מער ניט צו ראַטעווען און אויסלייזן די וועלט:

אַזאַ איז געווען מײַן שליחות פֿאַר דאַכאַו, אָבער בימי דאַכאַו איז מײַן שליחות: צו טראָגן אויף די פּלייצעס אַ בלינדן ייִד, וואָס קען אַליין ניט דערשפּאַנען צום גאַזקאַמער און צום פֿײַער. טראָגן און דערטראָגן אים, און ניט איבערלאָזן אים אַליין אין פֿײַער, נאָר זײַן מיט אים דאָרט, זײַן מיט אים צוזאַמען אין פֿײַער.
(6, ז׳ 90)

משיח האָט אײַנגעזען, אַז ער קען ניט בלײַבן דער פּאַסיווער „שטומער עדות“ ווי אַ מאָל. ער מוז אָנטיילנעמען אינעם פּײַן און אונטערגאַנג פֿון זײַן פֿאָלק. אין דעם באַשטייט זײַן שליחות בימי דאַכאַו. און וואָס וועט ווערן פֿון דער וועלט וואָס ער פֿאַרלאָזט?

די וועלט איז פֿון הײַנט און ווײַטער פֿאַרמישפּט צו האָבן אַ קיום. די וועלט רײַסט זיך צו אומקומען. גוואַלדטויט איז איר תּאווה, איר שׂמחהדיקע תּשוקה. זי באַגייט אַלע רשעות און זינד כּדי צו דערגרייכן איר העכסטע לעצטע גלוסטונג: חורבן. פֿאַרמישפּט איך זי דעריבער צו קיום, און נאָך מער פֿאַרמישפּט איך זי צו צדק און צו יושר... און זי וועט מוזן דעם פּסק אָננעמען.
(6, ז׳ 90)

די וועלט איז געוואָרן זײַן שונא, און צו להכעיס דער וועלט פֿאַרמישפּט ער זי צו צדק און יושר. די וועלט וועט ניט קענען אָפּשרײַען דעם פּסק, ווײַל זי וועט ניט האָבן צו וועמען צו שרײַען: גאָטס שליח וועט שוין ליגן אין אַ הויפֿן אַש.

ווען מע וואַרפֿט משיחן אין פֿײַער־אויוון, שפּרינגען די פֿלאַמען אָפּ פֿון אים, ווײַל ער פֿאַרמאָגט איבערמענטשלעכע כּוחות. צעבייזערט זיך משיח צדקנו אויף די פֿלאַמען, און איז אויף זיי גוזר זיי זאָלן אים ניט שאַנעווען, אַזוי ווי זיי שאַנעווען ניט יעדן פּשוטן ייִדן. ווערט ער אײַנגעשלונגען פֿון פֿלאַם, אָבער באַלד ווערט אים נתגלה דער סוד ווי אַזוי דאָס פֿײַער זאָל ניט וויי טאָן. צעבייזערט זיך משיח צדקנו און איז גוזר, אַז דער סוד זאָל צוריק ווערן סוד, כּדי ער זאָל פֿילן דעם זעלבן פּײַן ווי זײַנע ברידער, כּדי ער זאָל מיט אַלעמען גלײַך שרײַען אויף אַלע וויי־קולות.

לייוויק שילדערט אָט די דאַנטע־סצענעס דווקא אין פּראָזע, כּדי דער פֿולער כּוח פֿון דער וויזיע זאָל דערגיין צום לייענער. ס׳איז אַן אומפֿאַרגעסלעך בילד, וואָס שטײַגט איבער די סימבאָליק און ווערט וואָר.

אַזוי וואָלט עס טאַקע געבליבן, ווען ניט אליהו. ער קערט זיך אום קיין דאַכאַו און רופֿט אויס:

שטייט אויף ייִדן פֿונעם קבֿר,
אַפֿילו ווען נאָך ניט גאולה־שעה —
כ׳זאָל קאָנען זען צי איז אויך ניט משיח
מיט אײַך אין דאַכאַו־קבֿר דאָ.

(6, ז׳ 93)

די מתים שטייען אויף, און צווישן זיי געפֿינט זיך משיח. משיח פֿילט זיך איצט ווי אייגער פֿון די

(המשך אויף זײַט 36)

(המשך פֿון זײַט 13)

אומגעקומענע. ער וויל ניט ווערן לעבעדיק כּל־זמן די אַנדערע וועלן נאָך דעם מוזן צוריקגיין אין קבֿר. אײדער ער ווערט לעבעדיק, מוז ער מקיים זײַן דעם גזר פֿון טויט. אָבער אליהו לאָזט זיך ניט; ער קען ניט פֿאַרלירן משיחן אַ צווייט מאָל. ער איז גוזר אויף משיחן זיך אומקערן צוריק צום לעבן.

איצט הייבט זיך אָן אַ שווערער פּראָצעס פֿאַר משיחן. מן המצר מוז ער ווידער צוריקגיין צום לעבן, פֿאַרלאָזן זײַנע שכנים אינעם מאַסן־קבֿר און זיך אומקערן צו די לעבעדיקע, די וואָס זינגען איצט „אַני מאמין". זיי וועלן אין אים אַרײַנשפּרודלען אַ נײַעם ווילן צום לעבן; זיי וועלן אים העלפֿן גובֿר זײַן דאָס שולדגעפֿיל, דאָס געפֿיל אַז ער פֿאַרראַט די אומגעקומענע. דערווײַל באַנעמט ער די וועלט מיט גרויל. דאָס „אַני מאמין"־ליד דערשטויגט אים:

אויך איצטער האַלט עס ערשט בײַם וואַרטן, און ניט מער!
אַפֿילו איצטער — נאָך די געטאָס? נאָך די גאַזקאַמערן?
נאָך אַלע קופּעס אַש? נאָך אַלע טויט־גלגולים?
נאָך אַלעם דעם בלײַבט ווידער אַלץ בײַם וואַרטן?
און ווידער, ווידער מאמין — און ניט מער?
(6, ז' 108)

משיח טראַכט נאָך אין אַמאָליקע טערמינען. ער פֿאַרשטייט ניט, אַז די גאולה קען שוין ניט קומען ווי אַ מאָל: פּלוצעם און דראַמאַטיש, ווען דער דור וועט ערשט זוכה זײַן. ער אַליין איז דאָך ניט געקומען צו זיי פֿרײַוויליק; אליהו האָט אים קוים מיט צרות אײַנגערעדט. דער גרויליקער קאַטאַקליזם איז שוין פֿאָרגעקומען. איצט וועט די גאולה קומען פֿון אינעווייניק, ווי אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פֿון אויסלייזונג און אויפֿלעבונג (9, ז' 684). איצט דאַרף מען שטעלן אַ חופּה איבער דער קרעמאַטאָריע.

משיח ווערט געוויער וועגן די אַלע שינויים אינעם סדר־העולם, ניט פֿון אליהון, נאָר פֿונעם פּשוטן סטאָליער הירש. הירש ווענדט זיך צום יונגן פּליט און זאָגט „ווען אַפֿילו משיח אַליין וואָלט הײַנט געקומען אַהער, וואָלט ער קיין אַנדער זאַך ניט באַדאַרפֿט טאָן ווי נאָר: זײַן צווישן אונדז" (6, ז' 146). משיח דאַרף ניט אויפֿטאָן קיין נסים, ער דאַרף נאָר העלפֿן מיט זײַן שמייכל. די גאולה איז ניט קיין זאַך פֿון דער צוקונפֿט, זי מוז איצט געשען. דאָס האָט דער כראָניקער געמיינט ווען ער האָט גערעדט וועגן דער אַפּנאַרערישער צוקונפֿט, די פֿאַרשטעלטע היה. דער נס איז דאָס לעבן אַליין, דאָס ווײַטער לעבן נאָך אַלע פֿינצטערע יאָרן. „ווי די תורה איז הייליק", זאָגט הירש, „אַזוי הייליק איז דאָס לעבן פֿון אַ ייִדן, און אפֿשר נאָך הייליקער" (6, ז' 146). דעם מהר"מס פֿילאָסאָפֿיע איז דערגאַנגען דורך די דורות צום פּראָסטן הירש. משיח צדקנו זאַפּט אײַן אין זיך די דאָזיקע ווערטער, און דאָס גיט אים כּוח ממשיך צו זײַן זײַן אייגענע עקסיסטענץ. ער בעט בײַ אבֿרהמען רשות צו זײַן איינער פֿון די אונטערפֿירערס בײַ דער חופּה.

## די חתונה

דאָס איז שוין איין מאָל אַ חתונה: אַ חתונה ווו לעבן און טויט באַגעגענען זיך. די בדחן־געשטאַלט (אַן אומגעקומענער) פֿאַרווײַלט די געסט:

זעקס מיליאָן ייִדן —
דאָס מיינט מען אונדז אַלע,
שפּילט זשע אַ פֿריילעכס
פֿאַר חתן און כּלה.
שפּילט, שפּילט פֿידעלעך,
אונדזערע פֿידעלעך,
איבערגעבראָכענע אין העלישן פֿלאַם,
מיליאָנען זײַנען מיר — פֿאַרגאַנגענע ייִדעלעך
מיר זינגען אַלע צו בים־באַם־באַם.

(6, ז' 163)

אַ גראָטעסקע פּאַראַדיע וויקלט זיך פֿונאַנדער פֿאַר אונדזערע אויגן, אַ פּאַראַדיע וואָס קען זיך נאָר ענדיקן טראַגיש. באַלד נעמען איבער די „לעבעדיקע" — משיח, אליהו הנבֿיא און יעקבֿ. דער עולם איז געשפּאַנט און פֿול מיט פּחד. יעקבֿ איז מקבל־פּנים דעם חתן, נאָר ווען עס קומט צו דער כּלה, שטיקן זיך די ווערטער אין האַלדז. משיח, פֿילנדיק ווי וויכטיק עס איז צו מוטיקן און שטאַרקן דעם עולם, נעמט איבער ספּאָנטאַן:

כּלהשע, כּלה — ניט וויין.
דאָס האַרץ פֿון דײַן חתן איז ריין
אַזוי ווי אין פֿײַער געלײַטערט.
געווען איז אַיעדער אין פֿלאַם,
אַפֿילו ווען ניט אומגעקומען,
אַפֿילו ווען ווײַט און דערווײַטערט
פֿון קויל און פֿון גאַזיקן סם.
אַיעטווידער ייִד איז אַ פֿײַער,
וואָס פֿלאַקערט און פֿלאַקערט ניט אויס —
אויף שײַטערס, צי אויף אַ מזבח,
צי גאָר אויף אַ בעט פֿון אַ הויז.

(6, ז' 169)

ווי דער מהר"ם, האָט משיח זיך דערטראַכט צום געדאַנק, אַז אַלע לײדן זײַנען גלײַך, און דער נסיון, אַפֿילו פֿון אַ גאַזקאַמער, שטעלט קיינעם ניט איבער די סתם געליטענע. מע דאַרף נאָר קענען לעבן מיטן טויט, באַהערשן דעם טויט אין זיך. אבֿרהם דער חתן קען אָבער ניט אויסהאַלטן. ער זעט ווי שׂרה, זײַן געשטאָרבענע ווײַב באַווײַזט זיך אין אַ חופּה־קליידל מיט יצחק בײַ דער זײַט, און ער חלשט אויפֿן אָרט. משיח טראָגט אַבֿרהמען אַרויס און די צערעמאָניע ווערט איבערגעריסן.

פונעם דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט איז זייער פּאַסיק, אַז די חתונה זאָל ניט פּאַרקומען. נאָך אַלע סורעאַליסטישע פּאַרלויפּעניש, וואָלט אַ פּשוטע חתונה געווען אַ גוואַלדיקער אַנטיקלימאַקס. דער מאָטיוו פון ווײַטער לעבן איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, איז ניט שייך צו זען זײַנע פּראַקטישע רעזולטאַטן. די אידעע אַליין פון אַ חתונה איז אַ רעוואָלט קעגן דעם וואַרטן אויף אַ פּערפעקטן מאָרגן. די חתונה סימבאַליזירט ווידעראויפלעב און וועט סוף־כל־סוף פּאַרקומען סײַ ווי. איצט, נאָכן ערשטן דורכפאַל, קענען מיר אָבסערווירן ווי דער מענטש שטייט אויף פונעם קלאַפּ, און מיר קענען דערפון אַרויסדרינגען אַ מוסר־השׂכל.

משיח באַקוקט אַבֿרהמען אויפן קראַנקן־בעט און עס הייבט זיך אָן שטאַרקן אין אים דער גלויבן אינעם מענטשלעכן כוח און אויסדויער. אויב אַזאַ אַבֿרהם קען דורכמאַכן דעם נסיון, איז ער גרייט אויך אויף גרעסערע נסיונות.

> נאָר אַ ביסל טויט איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן. די מחיצה
> איז נאָך אַלץ מחיצה. זאָל ער זוכה זײַן צו פולער
> שותפות מיטן טויט, צו פולער התגלות פון טויט.

(6, ז' 179)

דער וועג צום לעבן פירט דורכן טויט. משיח קען דאָס פאַרשטיין, ווײַל ער האָט דורכגעמאַכט די פײַער־אויוונס. אַבֿרהמען ריכט זיך נאָך אויף דער פולער אַנטפּלעקונג, די התגלות וואָס דערמעגלעכט דאָס לעבן.

צום סאַמע סוף קומען אָן שׂרה און יצחק. שׂרה רוימט איר מאַן שטיל אײַן אין אויער, אַז זי איז אים מוחל. לויט אונדזער אויסטײַטש, זײַנען שׂרה און יצחק, די אויפגעשטאַנענע תּחית־המתים, בלויז אַ פאַרקערפּערונג פון אַבֿרהמס געפילן. זייער טויט איז געווען פאַר אים אַזאַ קלאַפּ, אַז ער האָט פאַרנומען זייער פּײַן און זיך אידענטיפיצירט מיט זיי. ער האָט איבערגעלעבט אין זיך די נאָכווייעניש פון זייער טויט. אויף יעדן טאַט זײַנעם האָט ער רעאַגירט סײַ ווי אַבֿרהם דער לעבן־געבליבענער, סײַ ווי שׂרה און יצחק די קדושים. זײַן באַשלוס חתונה צו האָבן איז געווען אַ גרויס אײַנשטעלעניש. ער האָט געפילט, אַז ס'איז פּקוח נפש — די עלנטקייט ברענגט אים אום. דאָך האָט ער געוווּסט, אַז די סוף־כל־סופיקע קאָנפראָנטאַציע וועט מוזן פאַרקומען, האָט ער דעריבער אויף אַ סימבאַלישן אופן פאַרבעטן זײַן משפּחה צו דער שׂמחה (פּונקט ווי לאה אין דער דיבוק). לײַדער איז די חתונה געווען אַזאַ סענסאַציע אין לאַגער, אַז זי האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אַבֿרהמס אַנגסטן. ווי באַלד דער מסדר־קדושין האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם אל מלא רחמים, איז זיך אַבֿרהם פונאַנדערגעפאַלן. ער איז אָבער ניט געשטאָרבן, און אַזוי אַרום האָט ער דורכגעמאַכט דעם שווערסטן נסיון. די געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט וועלן אים אַ צווייט מאָל ניט שטערן. איצט שטייט פאַר אים די אַכזריותדיקע ווירקלעכקייט. צי האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך גענוג כוחות וואָס וועלן אים שפּײַזן אויף להבא? צי וועט ער זוכה זײַן צו פולער התגלות? מיט די דאָזיקע פראַגצייכנס פאַרענדיקט זיך די חתונה אין פערנוואַלד.

## ביבליאָגראַפיע


1. ביקל, שלמה. שרײַבער פון מײַן דור. נ"י, 1958. ז"ז 386—388.
2. לייוויק, ה. „די קייטן פון משיח", אַלע ווערק פון ה. לייוויק, 2טער באַנד.נ"י, 1940, ז"ז 393—418.
3. „דער גולם", אַלע ווערק פון ה. לייוויק, 2טער באַנד. נ"י, 1940. ז"ז 1—190.
4. מהר"ם פון רוטענבערג. נ"י, 1945.
5. מיט דער שארית הפליטה. נ"י, 1947.
6. די חתונה אין פערנוואַלד. נ"י, 1949.
7. אין די טעג פון איובֿ. נ"י, 1953.
8. עסייען און רעדעס. י. זילבערבערג, צוזאַמענשטעלער. נ"י, 1963.
9. ניגער, ש. ה. לייוויק. טאָראָנטאָ, 1951.


# אין דער באַוועגונג

## יוגנטרוף — אַ פּיאָניר

אַ סך רעוואָלוציעס קומען איצט פאָר איבער דער וועלט. אַזאַ איבערקערעניש שפּילט זיך איצט אָפּ אין די אינטעלעקטועלע קרײַזן אין אַמעריקע. ס'איז דער איבערגאַנג פון דער טעאָריע פונעם „שמעלצטאָפּ" — דער שפּראַכיקער און אינטעלעקטועלער אונטערגאַנג פון די עטנישע מינאָריטעטן אין די פ"ש — צו דער טעאָריע פון עטנישן פּלוראַליזם. די דאָזיקע אידעיִשע עוואָלוציע אָדער רעוואָלוציע האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אַזש ביזן אַמעריקאַנער פּאַרלאַמענט, וווּ העכער 30 (יאָ, דרײַסיק) פאַרשיידענע געזעץ־פּראָיעקטן זענען הײַיאָר פירגעלייגט געוואָרן לטובֿת צווייִשפּראַכיקער דערציִונג. איין געזעץ־פּראָיעקט (פונעם רעפּרעזענטאַנט גאָנסאַלעס פון סאַן־אַנטאָניאָ, טעקסאַס) לייגט אַפילו פיר צו פאַרלייגן אַ „מלוכישע קאָמיסיע פאַר דער אויפהיטונג פון אונדזערע שפּראַכיקע אוצרות", וואָס זי זאָל אַרבעטן פאַרן קיום פון די מינאָריטעט־שפּראַכן אין די פ"ש.

כמעט אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און צענטראַלע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך באַטייליקט און באַטייליקן זיך אין דער אַקציע משפּיע צו זײַן די אַמעריקאַנער סענאַטאָרן און רעפּרעזענטאַנטן. אי־